צו אלע די, וואס ווילען בויען „יבנה"

פון הלל צייטלין.

זינט „גרויסער רוף פון דער שעה"*) האט אויפגעוועקט די מוחות און די הערצער. פון די הונדערטער יודען, וואס האבען דערזעהן און דערפיהלט אזוי ווי איך אז ישראל מוז גייסטיג, און איבערהויפט גייסטיג, אויפגעלעבט ווערען און בענייט ווערען; אז די יעצט עקזיסטירענדע פארטייען ביי יודען טראגען נישט און ברענגען נישט מיט זיך אט די בענייאונג און אט די אויפלעבונג; אז יעצט, און גראד יעצט מוז מען אנהויבען די גרויסע, הייליגע ארבייט פון תשובה אין גייסט; אז נור יחידים פון פאלק קענען, דארפען און מוזען זיך נעהמען פאר אט דער הייליגער ארבייט צוליעב וואס זיי, אט די יחידים, דארפען זיין פעראייניגט אין איין פערבאנד. אין א ריהע ארטיקלען האב איך אנטוויקעלט די הויפט-טענדענצען און הויפט-אויפגאבען פון אט דעם פערבאנד, וועלכער דארף און מוז נאך ווי אמשנעלסטען געשאפען ווערען. איך האב אנגעוויזען אז דעם יחידים-פערבאנד וועלכער דארף געשאפען ווערען, מוז'ן נאמען „יבנה". און האב זיך געווענדעט צו אלע די, וואס דער נר אלקים איז נאך נישט אויסגעלאשען געווארען אין זייער הארצען צו אנרופען זיך און פיעל האבען זיך אנגערופען. טייל מיט פולער איינשטימונג, א טייל מיט שאלות און ספקות. דער פאדערונג צו ענטפערן וואס ברייטער. אזוי ווי יעדערער פרעגט עטוואס אנדערש און עטוואס בעזונדערס און דערפון בעריהרט יעדער פראגע אלערליי מעגליכסטע טעאלאגישע, מעטאפיזישע און סאציאלע פראגען, וואלט איך בעדארפט, ענטפערענדיג יעדען בעזונדער, אויפשרייבען פאר יעדען איינציגען א גאנץ בעזונדער בוך, וואס ס'איז איבער מיינע כחות און ווי איך דענק, אויך איבער די כחות פון מענשען, וואס שטעהן שלא בערך העכער פון מיר. איך בין געצוואונגען דעריבער צו געבען דא אנ'אלגעמיינע תשובה ווענען דעם עיקר מהות פון „יבנה", וואס איך פראיעקטיר צו גרינדען. דורך דאס, ווי איך האף, ס'וועלען פיעל שאלות פערענטפערט ווערען און פיעל ספקות וועלען אויפגעקלערט ווערען.

א) „יבנה" איז נים קיין פעראיין פון סתם „גייסטיגע פערזענליכען" און „לערנען", ווי עס מיינען איינעגע, נור א פערבאנד, וואס דארף איבעראנדערשען דאס גאנצע לעבען פון דעם, וואס טרעט אריין אין זיינע רייהען.

ב) אין דערזעלבער צייט איז „יבנה" נים קיין חברה פון „מחזיקי הדת", נור א פערבאנד אויף צו אויפקלערען, בעשטארקען, פערברייטערן און פערטיעפען די יסודות פון מוסר היהדות און נשמת היהדות.

ג) דער „יבנה"-פערבאנד איז נים קיין חברה פון „מחזיקי הדת" אזוי איז ער אויך נישט קיין פעראיין פאר השכלה, קולטור, קונסט, פאעזיע וכו'. „יבנה" קען נים זיין קיין פעראיין פאר אלדאס גוטע און שענע אין דער וועלט. דאס וואלט איהם דערווייטערט פון זיין הויפט-ציעל. „יבנה" קען און דארף נור צו איינס שטרעבען: אויפלעבונג פון דער יודישער נשמה אינ'ם גייסט פון ריינעם יודענטום.

ד) „יבנה" בעשעפטיגט זיך נים מים קיין פאליטיק. דעריבער קענען אין איהם אריינטרעטען מענשען פון אונפארטייאישע, פון די וואס געהערען צו די אדער יענע פארטייען, פון רעכטס און פון לינקס. פון דעם פארטייען-מאן, וואס טרעט אריין אין „יבנה" מוז גאר איינס געפאדערט ווערען: ער זאל קענען אוועקשטעלען, ווען עס וועט קומען צו א נסיון, די פאדערונגען פון דער שטרענגער גערעכטיגקייט העכער פון די אינטערעסען פון זיין פארטיי.

ה) אזוי ווי דער „יבנה"-פערבאנד בעשעפטיגט זיך נישט מיט קיין פאליטיק אזוי פערשטעהט ער זיך אויך נישט מיט דער לעזונג פון סאציאלע פראגען. דאך ווערט געפאדערט פון יעדען איינציגען, וואס וויל אריינטרעטען אין „יבנה" אז ער זאל קאנען צופאסען זיין פריוואט-לעבען צו די פאדערונגען פון דער שטרענגער סאציאלער גערעכטיגקייט ווייל די שטרענגע סאציאלע גערעכטיגקייט איז איינע פון די הויפט-יסודות פונ'ם ריינעם יודענטום.

ו) דער „מוסר היהדות" ווענען וועלכען איך האב אזוי פיעל מאל געשריבען איז נישט אנדערש, ווי דער איינפאכער מוסר פון תורת משה. איינער פרעגט מיך אין א בריעף: „וואס פאר א מוסר מיינט איהר, צי דער מוסר פון קאנט, צי דער מוסר פון טאלסטאי?" א צווייטער שרייבט מיר: איהר מיינט דאך מסתמא מוסר לויט דער טיעפער חקירה פונ'ם רמב"ם ווארים ווי קאן דאס זיין, אז איהר מיינט דעם פשוט'ן מוסר פון חומש? מוז איך דא איינמאל פאר אלע מאל ערקלערען:

איך גלויב באמונה שלמה, אז די ישועה פון דער וועלט בכלל, און פון ישראל בפרט, וועט קומען נישט פון טעכנישע און עקאנאמישע אויסבעסערונגען, נור פון רעליגיעז-עטישער דערהויבונג און אויפהויבונג, פריהער פון יחידים און שפעטער פון קבוצים. און אט די דערהויבונג און אויפהויבונג קאנען קומען נור דורכדעם, וואס די מענשהייט בכלל, און ישראל בעזונדערס וועלען זיך צוריקקעהרען „צום פראסטען מוסר פון חומש"; ווען מענשען וועלען פשוט אויפהערען צו שופך-דם זיין, צי אהן אנ'אזימדיגער, צי מיט אנ'אויסריד פון די, אדער יענע „אנדעען"; ווען מענשען וועלען אויפהערען נישט נור אפען צו גנב'ענען, נור אויך צו שווינדלען און בעשווינדלען איינע די צווייטע; ווען מענשען וועלען אויפהערען זאגען ליגען, טרייבען רכילות, צו רעדען לשון הרע און צו מטמא זיין דעם מויל מיט אלערליי מיאוסע, גראבע רייד; ווען מענשען וועלען אויפהערען צו מטמא זיין זייערע נשמות, זייערע מוחות, זייערע הערצער און אלע אברים פון זייערע גופים מיט מחשבות און מעשים פון נאוף; ווען „צדק, צדק תרדוף", „משפט אחד יהיה לכם לגר ולאזרח הארץ" „כי לי בני ישראל עבדים" (מיט דער רבנישער ערקלערונג פון תלמוד — ולא עבדים לעבדים") „והארץ לא תמכר לצמיתות" „כי טוב לו עמך" (מיט דער רבנישער ערקלערונג פון תלמוד — „עמך במאכלו, עמך במשתה וכו') „ביומו תתן שכרו" און נאך פיעל אזעלכעס וועלען רעגולירען אלע בעציהונגען צווישען יחיד און יחיד, קלאס און קלאס, פאלק און פאלק; ווען דער „ואהבת לרעך כמוך" וועט אויפהערען צו זיין, ווי ביז יעצט, בלויז א שענער אויסדרוק און אין בעסטען פאל, בלויז א פרומער וואונש, נור ווערט א רעאלער פאקטאר פון לעבען, א דבר שממשין פון וועלכען מען טאר אויף קיין פאל און קיין אופן נישט אבטרעטען; ווען דער „קדושים תהיו" וועט ווערען דער איינציגסטער, דער טיעפסטער און דער העכסטער אידעאל פון יעדען יחיד און יעדען קיבוץ, יעדער נאך זיין ערך און נאך זיין מדרגה און פון ישראל גוי קדוש — אין דעם העכסטער מדרגה. ([illegible])

---

*) געווען געדרוקט אין „מאמענט" [illegible]